Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Moskve, 1941

א דײַטשישער געפאנגענער

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

# א דײַטשישער געפאנגענער

ער שטייט אפן פארהער. די איידעס — וואלד און פעלד.
דער קאָפּ אין קאסקע, ווי נ׳א קייווער־שטיינ פארמויערט;
מ׳האָט אימ אפ שארבנס און אפ ביינער דורכגיינ זיך באפעלט,
איז ער געגאנגענ — אָפּגעטאָנ פונ פרייד און טרויער.

ער קוקט זיך אומ. ארומ איז פעלד. ארומ איז וואלד.
צומ ערשטנ מאָל ער זעט זיי אינ דער נאָ׳נט דאָ;
די זאנגענ, האלדזונדיק זיך, איינע אפ דער צווייטער פאלט,
און ס׳גיט זיך אימ אינ קאָפּ אזא מינ טעמפער פלאָנטער:

— איז וואָס האָט ער עס צו די גערטנער פרידלעכע געהאט?
— פארוואָס האָט ער דעמ בלי פונביימער ניט פארגינט דאָ?
— פאר וועמענ האָט ער, גייענדיק אינ קריג פאר א סאָלדאט,
געטראָטנ איבער קעפּ פונ קליינע קינדער?

דאָס איז אימ פרעגנ אינ דער היימ געווענ פארווערט.
צו טײַער ס׳האָט געקאָסט. ס׳וואָלט ניט געקלעקט דאָס לעבנ.
איצט פרעגט ער עס אליינ זיך אויס אפנ פארהער
און בא דער ביקס דער אומגעפאלענער — דערנעבנ.

דאָס גראָז ווענדט אָפּ זיך פונ זײַנ בליק,
די ערד לויפט אײַנ פונ זײַנ באטרעטנ;

ס׳קערט אום דער ווינט זיך, וואָס באגעגנט אים, — צוריק,
און ס׳וויקלען זיך לעמ אימ צונויפ פונ בוימ די בלעטער.

ער שטייט אפנ פארהער. עס ציט אימ צו דער ערד אראָפּ.
נאָר ווי א קייווער איז די ערד פאר אימ צעכראסטעט;
די קאסקע טוט אליינ פונ אימ זיך אָפּ,
עס קריכט פונ אימ אראָפּ די בלוט-פארסאמטע סוואסטיק;

אלצ, וואָס ער זעט — איז, ווי ס׳וואָלט קיינמאָל ניט געווענ.
פונ ווײַט דערגייט א פויגל־פריילעכער געהודע:
— געשיקט זיך, אז אמאָל איז ער געווענ א מענטש
און האָט געהערט, ווי ס׳רופט א מענטש א מענטשנ — ברודער?

עס לויפט דורכ אימ פארבײַ א ווינט,
די צווײַגנ גיבנ צווישנ זיך א שטאמל:
— געשיקט זיך, אז אמאָל איז ער געווענ א קינד
און ס׳האָט אמאָל זיך פונ זײַנ מויל אראָפּגעריסנ: — מאמע?..

עס גייט שוינ דער פארהער צו ענד.
נאָר ס׳גיבנ ריטשקעלעכ פונ ברעג א רײַס זיך:
— געשיקט זיך, אז אפ מי׳ זײַנענ די בלוט-פארפלעקטע הענט
און — ניט אפ שנײַדנ גאָרגלענ אינ די הײַזער?

די צײַט דערפרעגט אימ, לויפנדיק פארבײַ.
און ער? ער קוקט זיך אומ מיט טעמפּקײַט פונ געלויער;
ער שוויצט — פונ ספירט, פונ פאכאד און פונ בלײַ,
נאָר עס גענענט צו אימ פונ אונטערגאנג דער טרויער

און טײַט אפ אימ פארומערט מיט דער האנט:
ארויסגעשיקט מ׳האָט אימ, ווי א געפאנצערטע מאגייפע,

אז זײַנ דער טויט זאָל ער, ווּ קעגנשטעלנ קאָנ זיכ ניט קיינ לאנד,
די קלאָלע זײַנ זאָל ער, דער אומגליק אונ פארצווייפלונג!

פונ דאָרפ צו דאָרפ, פונ שטאָט צו שטאָט
מיט פעסט אינ מויל, מיט האק אפ אקסל —
ווּ ס'האָט זײַנ פוס געשטעלט א טראָט,
איז מער קיינ גראָז דאָרט ניט געוואקסנ...

געענדיקט דער פארהער. ער קוקט, ווי א געפאנצערטער מיקראָב,
דער טעמפער בליק — פונ גיר אפ בלוט זיכ מישט אימ;
— ניט קיינ סאָלדאט איז ער! אינ שארבנס זיכ געגראָבנ, ווי א ראָב,
אינ בײַכער, ווי אינ קעשענעס, געשנאָרעט אונ גענישטערט!

אונ זיכ באלעקט די בלוטיק-ברוינע פעל,
דער ערד געפרווט זי אָנמעסטנ, דערשטיקנ זי, אויב ענג ס'ווערט זײַנ איר;
אזוי איז ער געגאנגענ ענדערנ די וועלט
אונ זי געשטאלטיקנ אינ א געשטאלט אנ ענלעכנ צו זײַנעמ.

— ווער איז ער? ווּ איז זײַנ היימ? ווּ איז זײַנ לאנד?
ווער איז אָט דער, וואָס האָט דורכ טײַכנ בלוט געפירט אימ?
ער שטייט איצט אויכ אפנ פארהער איבערנ האלדז אינ בלוט אונ שאנד,
אונ ס'מאָנט די גאנצע ערד: — וואָס גיכער אימ פארניכטנ!